**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/18/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באשטימט טעריל בראון צו אינאיינעמדיגע קאמיסיע פון פובליק עטיקס**

גאווערנער האקול האט היינט באשטימט טעריל בראון צו סערווירן אויף דער אינאיינעמדיגע קאמיסיע פון פובליק עטיקס. מיט דער באשטימונג האט גאווערנער האקול איצט ערפילט אלע לאנג-שטייענדע ליידיגע פאסטנס אויף דער קאמיסיע.

"אויף אויפצוריכטן צוטרוי צו רעגירונג דארפן מיר האבן שטארקע, זעלבסטשטענדיגע עטיקס אויפזיכט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "טעריל בראון איז גאר שטארק קוואליפיצירט, אנגעזעען, און עטיש אומפעלערדיג, און איך בין שטאלץ איר צו באשטימען צו סערווירן אונזער סטעיט."

**טעריל בראון** איז באשטימט געווארן צו דער קאמיסיע. מס. בראון סערווירט איצט אלס הויפט לעגאלע ראט, געהילף קאמישענער פאר לעגאלע אנגעלעגנהייטן און אדמיניסטראציע פאר דער פייער דעפארטמענט פון ניו יארק סיטי. זי איז געווען די ערשטע פרוי צו סערווירן אלס עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און גענעראל קאונסעל פאר דער ניו יארק פאווער אויטאריטעט. זי האט געארבעט פאר צוויי ניו יארק גאווערנערס און דריי ניו יארק אטורני גענעראלס, סערווירנדיג אלס עקטינג קאונסעל צו דער גאווערנער, ערשטע געהילף קאונסעל צו דער גאווערנער, און קאונסעל און הויפט עטיקס אפיציר פאר׳ן אטורני גענעראל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418